בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שלח תשע"ז | גליון 365 [שנה ח']

**שיינע דרוש אין די סמיכות מרגלים צו מִרְיָם**

שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים: (יג ב) פרעגט רש"י פארוואס שטייט די פרשת מרגלים נאך די פרשה פון מרים? און ענטפערט ווייל זי האט באקומען א עונש פון צרעת וועגן רעדן שלעכט'ס אויף אירע ברידער, און די רשעים האבן געזען און זיך נישט אפגעלערענט מוסר פון דעם נישט צו רעדן. [די לשון פון רש"י איז: ורשעים הללו "ראו" ולא לקחו מוסר] דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט רָאוּ און נישט שָׁמְעוּ? נאר די גמ' (ברכות דף ה:) זאגט, א"ר יוחנן נגעים –צרעת– זענען נישט פון יסורין פון אהבה, נאר וועגן א עונש, פרעגט די גמ' עס שטייט אז נגעים זענען יא יסורין של אהבה? ענטפערט די גמ' הא בְּצִנְעָא הא בְּפַרְהֶסְיָא, ווען די נגע איז אין א באהאלטערנער ארט, איז דאס יסורין פון אהבה און נישט אלץ עונש, אבער ווען די נגע איז אפענערהייט, איז דאס וועגן א עונש, דאס זעלבע איז דא: אויב עס וואלט נאר געווען שָׁמְעוּ, זיי האבן נאר געהערט אז מרים איז געווען מצורעת, איז דאס נישט קיין ראי' אז זי האט געזינדיגט, ווייל אפשר איז די נגעים געווען בְּצִנְעָא, און דאס איז יסורין של אהבה און זיי דארפן זיך נישט לערנען פון מרים, אבער יעצט אז רָאוּ, זיי האבן געזען די נגעים, איז דאס געווען בְּפַרְהֶסְיָא, איז דאס א ראי' אז די נגעים איז געקומען וועגן א עבירה, און נישט יסורין של אהבה, איז די טענה דא, פארוואס האבן די מרגלים נישט אפגעלערענט פון מרים. (ראש יוסף – יוסף ירחמיאל– פיורדא תקכ"ב)

**די מדריגות פון א נשיא**

שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד לְמַטֵּה אֲבֹתָיו תִּשְׁלָחוּ כֹּל נָשִׂיא בָהֶם: (יג ב) רש"י זאגט אויף כֻּלָּם אֲנָשִׁים: "כולם חשובים ואותה שעה כשרים היו", דאס מיינט ווען דער אויבערשטער זאגט שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים, מיינט דאס חשובים, וואס זענען ראוי צו זיין מנהיגים, דער הייליגער רמב"ם (הל' מלכים פ"ב ה"ז) שרייבט: אֵין מְמַנִּין לֹא מֶלֶךְ, וְלֹא שׁוּם מִינּוּי, מִי שֶׁאֵין בּוֹ יראה, –יראת שמים–, און דארטן (פ"ב ה"ו) שרייבט דער רמב"ם: א מלך אדער א מנהיג דארף זיין א חוֹנֵן –א גוטטער– מְרַחֵם – א בעל רחמנות– וְעָנָיו, און שפלות, און אויך א אַבִּיר לֵב, א שטארקער הארץ, אזוי ווי א לייב אין די מלחמה פון עבודת ה'. דאס שטייט אין פסוק: שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים וגו', זיי זאלן זיין חשובים, און אין וועלכע ענין דארפן זיי זיין חשוב? שטייט: כֹּל נָשִׂיא בָהֶם, וואס דיווארט "נָשִׂיא" איז נוטריקון: נדיבות –חונן ומרחם– שפלות, יראה, אבירות – אביר לב–, אזוי ווי דער רמב"ם רעכענט אויס די אלע מדריגות פאר א מלך און מנהיג. (תנופה לחיים – ר' חיים פאלאג'י)

**וואס איז די דאפעלטע לשון אִישׁ אֶחָד**

אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד לְמַטֵּה אֲבֹתָיו תִּשְׁלָחוּ כֹּל נָשִׂיא בָהֶם... וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה וגו' כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה: (יג ב–ג) דארף מען פארשטיין דער כפל הלשון אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד? אויך איז שווער די כפל הלשון כֻּלָּם אֲנָשִׁים און רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל? קען מען מרמז זיין לויט וואס חז"ל זאגן אז די נשמות פון די הייליגע שבטים זענען מיט געגאנגען מיט די מרגלים פון זיין שבט כדי זיי צו היטן פון חטא און פון ארויסגעבן שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל, נאר דער שטן האט מצליח געווען ע"כ. דעריבער שטייט א כפל לשון אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד, איין איש מיינט די מרגלים, און איין איש מיינט די נשמה פון די הייליגע שבט, און מיט דעם איז אויך גוט וואס שטייט וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה וגו' כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה: וואס איז דער כפל הלשון, אֲנָשִׁים און רָאשֵׁי בְנֵי־ יִשְׂרָאֵל? נאר לויט פריערט איז גוט, ווייל אֲנָשִׁים גייט ארויף אויף די מרגלים אליין, און די רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מיינט די נשמות פון די הייליגע שבטים, די בְנֵי־יִשְׂרָאֵל. (דברי חיים –ר' חיים דַמְרִי מג'רבא)

**שיינע דרוש פארוואס שטייט נישט יהושע אין פסוק**

וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ וַיְמַלֵּא אַחֲרָי וַהֲבִיאֹתִיו אֶל־הָאָרֶץ: (י"ד כ"ד) פרעגט דער רמב"ן און דער אור החיים הק' פארוואס שטייט נישט יהושע דערמאנט דא? אויך אין פרשת דברים (א ל"ו) שטייט זוּלָתִי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הוּא יִרְאֶנָּה וְלוֹ־אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר דָּרַךְ־בָּהּ וּלְבָנָיו שטייט אויך נישט דערמאנט יהושע! נאר דער הייליגער חיד"א אין זיין ספר נחל קדומים ברענגט דער פסוק (דברים א כ"ה) וַיִּקְחוּ בְיָדָם מִפְּרִי הָאָרֶץ וגו' וַיֹּאמְרוּ טוֹבָה הָאָרֶץ וגו' זאגט רש"י מי הם שאמרו טובתה? יהושע וְכָלֵב. דארף מען פארשטיין וואס איז די כוונה פון רש"י אז דאס איז געווען יהושע און כָּלֵב? נאר וויבאלד די מרגלים האבן גערעדט קעגן ארץ ישראל און זיי זענען דאך רוב, דארף מען זיי גלויבן, אבער ווייל כָּלֵב האט זיך צו געשטעלט צו יהושע איז געווארן צוויי עדות וואס זאגן אז ארץ ישראל איז גוט, און ווייל מיר האבן די כלל אז תְּרֵי כְּמֵאָה, צוויי עדות זענען גלייך ווי הונדערט, איז דא דער דין פון תְּרֵי און תְּרֵי, צוויי אנקעגן צוויי, און מיר גייען נאך די חזקה אז די לאנד איז גוט, ווייל דער אויבערשטער האט אונז ליב און וועט נישט הייסן גיין אין א לאנד וואס איז נישט גוט, און אויך האט דער אויבערשטער אליין געזאגט אֶל אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה. וָאֹמַר אַעֲלֶה אֶתְכֶם מֵעֳנִי מִצְרַיִם אֶל אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי ... אֶל אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ: קומט אויס ווען נאר יהושע זאגט גוטס אויף ארץ ישראל, וואלט מען געדארפט גלויבן די אנדערע מרגלים, ווייל זיי זענען רוב, אבער יהושע מיט כָּלֵב צוזאמען איז שוין דא דער דין פון תְּרֵי כְּמֵאָה, און די מרגלים זענען שוין נישט באגלויבט ווייל מיר גייען יעצט בתר חזקה, און דורך דעם האבן זיי אַ עונש ע"כ דברי החיד"א. מיט דעם קען מען מסביר זיין פארוואס שטייט נאר כָּלֵב אין די צוויי פסוקים פון פריערט? ווייל די פסוקים רעדן דאך נאר וועגן אז כָּלֵב זאל מַשְׁלִים זיין צו יהושע אז עס זאל זיין א עדות, דאס מיינט "וַיְמַלֵּא" אַחֲרָי, און יַעַן אֲשֶׁר "מִלֵּא", א לשון פון אנפילן, ווייל כלב האט דא דערפילט די עדות פון תְּרֵי, וואס תְּרֵי כְּמֵאָה, ווערט שוין תְּרֵי וּתְרֵי, און מען גייט נאך חזקה. (אבני קדוש אביטבול ירושלים תרצ"ד)

**א עצה צו מקיים זיין כל התורה**

לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת־כָּל־מִצְוֹתָי (טו מ) אין משנה ברורה (סי' ס"א סק"ב) ברענגט (פון אליהו רבא בשם הכלבו פון ירושלמי סוף פ"ק דברכות), אז אין ק"ש איז דא אלע עשרת הדברות או ביי ק"ש דארף מען זיי אלע אינזינען האבן, און דער לְמַעַן תִּזְכְּרוּ, איז מרומז אויף שבת, זכור את יום השבת לקדשו, און שבת איז שקול כנגד כל התורה כולה עי"ש. דאס שטייט אין פסוק לְמַעַן תִּזְכְּרוּ, אויב וועסטו היטן שבת, וועט זיין אזוי ווי וַעֲשִׂיתֶם אֶת־כָּל־מִצְוֹתָי, האסט געטאן אלע מצות. און אין דעם זעלבן אויפן קען מען זאגן אויף וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, ווייל עס שטייט אין זוהר הק' (ס"פ וארא) אז דער וואס איז עובר אויף עריות ברענגט אים צו עובר זיין אויף כל התורה, אבער אויך דער וואס היט זיך פון עריות וועט דאס ברענגען אז ער זאל מקיים זיין כל התורה, דאס שטייט וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, היטן די אויגן און מחשבה, לְמַעַן תִּזְכְּרוּ, דאס וועט דיר דערמאנען און דיר שטופן אז וַעֲשִׂיתֶם אֶת־כָּל־מִצְוֹתָי, און וועסט מקיים זיין כל התורה. (ויקרא יוסף – נסים פאלאג'י)

# מדור העזבדות

## ר׳ דוד׳ל לעלובער מיט חכמה בארוהיגט דער הייליגער חוזה מלובלין

איינמאל איז געקומען צו פארן צום הייליגן חוזה מלובלין, דער קאזניצער מגיד ר׳ ישראל, און דער יהודי הקדוש פון פאשיסחא, און ר׳ דוד לעלובער זיע״א צו פראווען א שבת צוזאמען, אנקומענדיג קיין לובלין האט דער יהודי הק׳ באמערקט אז ער האט פארגעסן מיט צו נעמען א העמד אויף שבת, און האט דערצילט פארן חוזה זיין צער אז ער האט נישט א שבתדיגע העמד! האט דער חוזה געשיקט רופן דער רביצין אז זי זאל געבן פארן יהודי הק׳ איינע פון זיינע העמדער ביז נאך שבת. דער יהודי הק׳ האט זיך געפריידט אז ער וועט האבן א העמד אויף שבת און נאך בפרט דעם רבין׳ס, דער יהודי הק׳ איז געגאנגען אין מרחץ לכבוד שבת און דארטן זעצט זיך צו א איד און נעמט זיך קראצן און זאגט פארן יהודי הק׳ אז היות ווי ער האט זיך נישט איבערגעטאן זיין העמד פאר 4 וואכן ווייל ער האט נאר איינס, דעריבער בעט ער אויב דער יהודי הק׳ קען רחמנות האבן און אים אוועקגעבן זיין העמד, דער יהודי הק׳ האט געטראכט אז ער האט דאך א העמד, נאר נישט אויף שבת, און אים קראצט נישט און האט מסכים געווען צו געבן דעם רבין׳ס העמד.

דער איד איז געווען א באוואוסטע שווינדלער וואס האט באארבעט פרעמדע מענטשן, מען האט אים גערופען לייבעלע גנב. דער מעשה האט איינע פון די מלשינים פון שטאט געזען און איז תיכף געלאפן דערציילן דעם רביצין אז דער יהודי הק׳ האט געגעבן דעם רבין׳ס העמד פאר לייבעלע גנב! און זי איז געווארן אין כעס און דערציילט פארן חוזה, און זי האט געזאגט דו ביזט דאך א רבי וואס האט רוח הקודש און דו האסט נישט געזען וואס דער יהודי הק׳ האט געטאן! און דער רבי זאגט ער האט טאקע נישט געזען און האט געהאט חלישת הדעת פארוואס ער האט דאס נישט געזען, און האט געהאלטן אז דער יהודי הק׳ האט דאס געגעבן צו לייבעלע מרצונו הטוב ווייל ער האט געמאכט מיט אים א געשעפט.

פרייטיג צו נאכט ביים טיש האט דער רבי געטיילט וויין פאר אלע חוץ פארן יהודי הק׳! אזוי איז אויך געווען ביי די שבת׳דיגע סעודות, ר׳ דוד לעלובער האט דאס באמערקט און פרובירט מפייס זיין דער חוזה אז דער יהודי הק׳ האט דאס געטאן אלץ רחמנות און אז ער וואלט אויך געטאן דאס זעלבער ווען איינער בעט אים אז ער האט נישט נאך א העמד! אבער דער חוזה ווערט נאך אלעס נישט בארוהיגט, ר׳ דוד׳ל וויל דאך דער רבי זאל מוחל זיין דער יהודי הק׳ און מוצאי שבת פרעגט ער צו ער קען דערציילן א מעשה פארן רבין? און דער חוזה ענטפערט, יא!

ר׳ דוד׳ל לעלובער נעמט זיך דערציילן: אין א קליין שטעטל אין פוילין האט דער ראש העיר נישט געלאזט אידן וואוינען אין שטעטל, דער ראש העיר האט געהאט א באקאנטער, א איד וואס ער האט אים ערלויבט צו וואוינען אינדרויסן פון שטעטל און דער איד האט אויפגעשטעלט א שענק ביי אים אין שטוב מיטן רשות פון ראש העיר, פאר די גויים, צו פארקויפן וויין און בראנפען מיט סיגאריות,

אין א קורצע צייט איז דער איד געווארן זייער פארמעגליך פון דעם געשעפט, און זייענדיג א גאנצע צייט מיט גוים האט ער צוביסלאך אלעס אראפגעווארן ביז ער האט אפילו געגעסן יו״כ רח״ל. איין טאג האט מען אויס גערופן אז מען האט געכאפט א איד וואס האט געגנבעט ביים גלח פון שטאט און מען גייט אים געבן שמיץ אין מארק און אלע מוזן קומען זען, דער איד האט אין זיך דערוועקט זיין רחמנות געפיל פון אידישקייט און איז געגאנגען און פרובירט אפשר ראטעווען א איד, אבער עס האט נישט געהאלפן, מען האט געשלאגן דעם איד ביז ער איז געווארן פארחלש׳ט און מען האט אים אפגעלאזט, און אונזער איד דער שענקער נעמט דער דערשלאגענער איד און ברענגט אים צו זיך אין שטוב און דערמינטערט אים און געהאלטן ביי אים עטליכע וואכן ביז ער איז געווארן אינגאנצן געזונט, און האט געראטעוועט זיין לעבן,

דער דערשלאגענער איד האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו דאנקען אזא חסד מיטן ראטעווען זיין לעבן, דער איד, דער שענקער, איז אויך נתעורר געווען פון דעם געשיכטע אז דורך זייענדיג דארטן האט ער געקענט ראטעווען א מענטש פון טויט, און האט פארגענומען ער וועט צוריק ווערן א שומר תורה ומצוות און ער בעט דער דערשלאגענער איד זאל אים צוזאגן אז ער וועט מער נישט גנבנען, און ער זאגט אים צו. יענער איד איז טאקע געווארן א ערליכער סוחר און מצליח געווען, אונזער אידל האט מען צוגענומען פון די וועלט און איז געקומען פארן בית דין של מעלה און מען ברענגט זעק פון די הרבסטע עבירות חילול שבת און נאך, מען דארף אים דן זיין קומט א מלאך און גנבעט אוועק די זעק פון עבירות, ברענגט מען דעם מלאך פאר בי״ד און פרעגט ווער ער איז און פארוואס האט ער געגנבעט די זעק? האט ער געענטפערט אז דער איד האט מקיים געווען א איד פון טויט און אויך דורך אים זענעןביידע געווארן בעלי תשובה, ממילא קומט אים א פסק פון זכאי, און איך בין אויך באשאפן געווארן פון דעם מצוה, אבער וויבאלד עס איז געווען געמישט דורך א ענין פון גניבה, דעריבער האב איך א טבע צו גנבנען דעריבער האב איך געגנבעט די זעק, און מען האט געפסקענט א גוטע דִין פארן איד.

האט אויסגעפירט ר׳ דוד׳ל פארן חוזה אז דער סיבה פארוואס מען האט פון דער רבי פארהוילן זיין רוח הקודש איז ווייל עס איז באשאפן געווארן א מלאך פון דעם חסד ווען די יהודי הק׳ האט געגעבן דעם העמד צו לייבעלע גנב, וואס איז געווען א מצוה פארן יהודי הק׳, אבער ווייל עס איז געווען אריינגעמישט א ענין פון גניבה אן די וויסן פון יהודי הק׳, איז די מלאך באשאפן געווארן מיט א טבע פון גניבה, און ער האט צוגענבעט די רוח הקודש פון רבי׳ן, דער חוזה האט הנאה געהאט און פארשטאנען די גוטע כוונה פון ר׳ דוד׳ל און האט געשיקט רופן דער יהודי הק׳ און האט אים פארגעבן. (תפארת בית דוד לעלוב)

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*קונטרס חודושי תורה בכתב יד מהגאון ר' שמואל אהרן רובין אב"ד קאראטשין תלמיד הדברי חיים מצאנז ומחבר ספרים שם עולם, בית אהרן, עיני שמואל ועוד, א תהלים וואס רבינו יואל און זיין רביצין האבן געגעבן פאר א מיידל צו מתפלל זיין פארן רבי'ן געזונט, 1000$, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן 1000$, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאד 600$ , סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאד 600$, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל 1500$ סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון 50000$ סידור קול יעקב סלאוויטא הגהות און באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות געווען ביים בעש"ט 45000$ א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות 13000$, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן 2000$, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י 700$, ספר עסיס רימונים מיט צוויי חתימות השרף מטאש 10000 $ א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, צוויי ספרים מיט די חתימות פון הרה"ק ר' פייש דער ערשטער טאש רבי, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א ספר קדושת לוי וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' שמעון קאליש מאמשינוב, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר 7000$**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין ווענן זיין ספר סביב ליראיו, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד החתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000*

ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive** pardes: send to- **pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

אדער אויף לדעת **http://ladaat.info/gilyonot.aspx --**